בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת יתרו תשפ"ב לפ"ק ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## בארא פארק

**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# שבת קודש פרשת יתרו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קטו.

איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור האט מען געזינגען דעם ניגון: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

## דער אייבערשטער איז דארט

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: דער רבי שטעלט זיך אויפ'ן פסוק וואס שטייט די וואך אין די סדרה (שמות כ, יח): "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", דאס פאלק איז געשטאנען פון דערווייטנס, אבער משה האט זיך דערנענטערט צו דעם וואלקן וואס דארט איז דער אייבערשטער. זאגט דער הייליגער רבי אזוי: "כִּי מִי שֶׁהוּא הוֹלֵךְ בְּגַשְׁמִיּוּת כָּל יָמָיו", ווער עס ליגט אין גשמיות אלע זיינע טעג, ער לעבט נישט מיט'ן אייבערשטן, "וְאַחַר כָּךְ נִתְלַהֵב וְרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דערנאך בארעכנט ער זיך, ער מאכט אפ צו ווערן אן ערליכער איד, "אֲזַי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג עָלָיו, וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּמַזְמִין לוֹ מְנִיעָה", איז דער מדת הדין מקטרג אויף אים, און ברענגט אויף אים א מניעה ער זאל נישט קענען דינען דעם אייבערשטן. "וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד הוּא", אבער דער אייבערשטער וויל דאך אז דער מענטש זאל אים יא דינען, וואס טוט דער אייבערשטער? "וּמַסְתִּיר אֶת עַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל בְּהַמְּנִיעָה הַזֹּאת (עַיֵּן לְמַטָּה)", באהאלט ער זיך אין די מניעה. "וּמִי שֶׁהוּא בַּר דַּעַת", ווער עס האט שכל, "הוּא מִסְתַּכֵּל בְּהַמְּנִיעָה", קוקט אריין אין די מניעה, זוכנדיג 'ווער ברענגט מיר די מניעה, ווער מאכט מיר דאס שווועריקייט?'

"וּמוֹצֵא שָׁם הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", טרעפט ער דארט דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער האט דאך דאס געמאכט.

## מען גייט אים פרואוון

ווען א מענטש נעמט זיך פאר א גוטע קבלה, צום ביישפיל, ער גייט ווערן אן ערליכער איד, ער גייט אנהייבן דאווענען, ער גייט אנהייבן א נייע שיעור, דארף ער וויסן אז מען גייט אים יעצט ברענגען מניעות, מען גייט אים פרואוון מיט שווערע נסיונות, דער יצר הרע גייט ברענען אין אים, ווייל דער אייבערשטער וויל זען צי ער וויל אמת'דיג זיין אן ערליכער איד, אויב וועט ער זיין גרייט זיך צו שטארקן איבער די אלע שוועריקייטן. און אז דער מענטש האט שכל פארשטייט ער אז אין די אלע נסיונות איז באהאלטן דער אייבערשטער, דער אייבערשטער אליינס האט דאס געברענגט אויף אים, דערפאר בלייבט ער שטארק און פאלט נישט אראפ.

## דער אייבערשטער איז אין 'וַואטִיקַאן'

"כְּמוֹ דְּאִיתָא בִּירוּשַׁלְמִי (תענית פ"א): אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם: הֵיכָן אֱלֹקֶיךָ", אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן: אויב א מענטש פרעגט דיר, וואו איז דער אייבערשטער? "תֹּאמַר לוֹ: בִּכְרָךְ גָּדוֹל שֶׁבַּאֲרָם, שֶׁנֶּאֱמַר (ישעיהו כא, יא): אֵלַי קֹרֵא מִשֵּׂעִיר", זאלסטו אים זאגן: דער אייבערשטער איז אין ארם. מוהרא"ש פלעגט זאגן אויף דעם מאמר חז"ל: דער אייבערשטער איז אין 'וואטיקאן' (דארט געפינט זיך דאס וואוינארט פונעם פויפסט), דארט אינעם פאלאץ פונעם פויפסט, וואו עס איז די גרעסטע טומאה איז אויך דא דער אייבערשטער.

## דער צדיק גייט נאנט צו די מניעה

"מִי שֶׁאֵינוֹ בַּר דַּעַת כְּשֶׁרוֹאֶה הַמְּנִיעָה חוֹזֵר תֵּכֶף לַאֲחוֹרָיו. וּמְנִיעָה הוּא

בְּחִינַת עָנָן וַעֲרָפֶל כִּי עָנָן וַעֲרָפֶל הַיְנוּ חֹשֶׁךְ, חֹשֶׁךְ הוּא לְשׁוֹן מְנִיעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כב): וְלֹא חָשַׂכְתָּ", ווער עס האט נישט קיין שכל ווערט אינגאנצן פארלוירן פון זיין מניעה, פון זיין טונקעלע נעפל. "וְזֶה פֵּרוּשׁ הַפָּסוּק", מיט דעם טייטשט דער רבי דעם פסוק, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק - כִּי כְּשֶׁרוֹאִין הָעֲרָפֶל, הַיְנוּ הַמְּנִיעָה כַּנַּ"ל, עוֹמְדִין מֵרָחֹק", דאס פאלק איז געשטאנען פון דערווייטנס, דאס הייסט, מענטשן וואס זענען נישט מקורב צום צדיק, ווען זיי זעען א נעפל, מניעות און נסיונות שטייען זיי פון דערווייטנס, זיי געבן גלייך אויף: "עס איז נישט פאר מיר, איך וועל שוין נישט זיין אן ערליכער איד, איך קען נישט דאווענען, איך קען נישט לערנען", "וּמֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דַּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים - הַיְנוּ אֶל הַמְּנִיעָה, שֶׁבָּהּ בְּעַצְמָהּ נִסְתָּר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אבער משה האט זיך דערנענטערט צו דעם וואלקן וואס דארט איז דער אייבערשטער, דאס הייסט, דער צדיק גייט נאנט צו די מניעה, אפילו ער דערזעט זיך מיט שוועריקייטן, ווייסט ער אז אין די מניעה איז באהאלטן דער אייבערשטער.

## דער אייבערשטער איז באהאלטן

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס איז מורא'דיגע ליכטיגע ווערטער פון רבי'ן, דאס קען אונז טראגן אויף נאך א וואך; ווען עס קומט שבת קומט מען אין בית המדרש און מען פארגעסט פון די ארבעט, פון די מארגעדזש, פון די באנק, פון די קרעדיט קארד'ס וכו', שבת איז נאר דא 'אייבערשטער', אבער יעצט קומט 'מוצאי שבת' וואס יעדער גייט שוין צוריק צו זיינע זאכן, דער ווערט צעבראכן פון דאס, און דער ווערט צעבראכן פון יענץ, אויף יעדן גייט אריבער זיינע איבערגייעכץ, דארף מען געדענקן וואס דער רבי זאגט דא, אז אין אלע איבערגייעכץ איז דער אייבערשטער באהאלטן.

## דער שפיל: "הייס קאלט"

ביי קינדער איז דא א שפיל וואס מען רופט "הייס קאלט", דער שפיל גייט אזוי, איינער נעמט א זאך און בשעת אלע אנדערע קינדער זעען נישט לייגט ער עס אויף א באהאלטענע פלאץ, דערנאך הייבן אלע אן עס זוכן, אבער מען ווייסט דאך נישט וואו צו זוכן, גייט דער שפיל, אז דער באהאלטער געבט סימנים, אויב הייבט מען אן זוכן אויף די פארקערטע ריכטונג זאגט ער: "קאלט", ווען מען קומט נענטער זאגט ער: "הייס", און ווען מען קומט שוין גאר נאנט זאגט ער: "קאכעדיג". האב איך געהערט פון א ברסלב'ער חסיד זייער א שיינע לימוד וואס מען קען ארויס נעמען דערפון; ווען א מענטש גייט אריבער גאר שווערע איבערגייעכץ, ער שפירט ווי עס איז "קאכעדיג", עס איז אים שרעקליך הייס אין לעבן, ער גייט אריבער קאכעדיגע נסיונות וכו', דארף ער וויסן, 'קאכעדיג' מיינט אז מען איז שוין נענטער צו דער ישועה, דו שטייסט יעצט נעבן דיין ישועה, עפן אויף דיינע אויגן, דער אייבערשטער איז דא ביי דיר, עפן דיין מויל און זאג ארויס א ווארט צום אייבערשטן.

## פאר יעדן איז שווער

אנטלויף נישט ווען דו זעסט א וואלקן, אמת אז עס איז דיר שווער, אבער פאר יעדן איז שווער מיט זיינע זאכן, און יעדעס מאל איז עס עפעס אנדערש, אמאל מיט די ווייב, אמאל מיט די קינדער, אמאל מיט די ביזנעס, נאכדעם גייט מען אריבער מיט די אייגענע נסיונות היצר, זאלסטו געדענקן וואס דער רבי לערנט אונז: "וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים" (שמות כ, יז), דער אייבערשטער איז באהאלטן אין מיינע מניעות, אין מיינע נסיונות און שוועריקייטן.

## דביקות אינעם אייבערשטן

מוהרא"ש פלעגט זאגן, א מענטש דארף דאך ווערן דבוק צום

אייבערשטן, אבער וואס הייסט דבוק צום אייבערשטן? פלעגט מוהרא"ש וויזן, נעם צוויי פאפירן קלעב עס צוזאם מיט קלעב, יעצט אז דו ווילסט עס צוריק צעטיילן קען מען עס נישט אפטיילן גלאטערהייט, נאר איין פאפיר וועט זיך מיט שלעפן מיט די אנדערע פאפיר, דאס איז דער 'דביקות' אינעם אייבערשטן, דער מענטש זאל זיין אזוי צוגעקלעבט צום אייבערשטן אז אפילו ווען ער רייסט זיך חס ושלום אראפ, ער פאלט נעבעך אראפ אין א נסיון, שלעפט ער מיט א שטיקל, דאס הייסט ער שרייט פון דארט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, קוק וואס איך טו", "רבונו של עולם קוק וואס איך גיי אריבער", "רבונו של עולם איך ווייס אז דו ביסט באהאלטן אין דעם נסיון העלף מיר איך זאל זיך קענען שטארקן דערויף", "רבונו של עולם איך גיי ווייטער גיין אין בית המדרש דאווענען, שחרית, מנחה און מעריב, איך גיי זיך נישט דערשרעקן פון די אלע מניעות".

## עס גייט פאר די נישט גוטע...

דער רבי זאגט (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפט) ווען דער יצר הרעווארפט אראפ א מענטש אין אן עבירה, דארף ער נישט די עבירה, ווייל ער ווייסט דער מענטש קען אין איין מינוט תשובה טון אויף די עבירה, נאר זיין ציל איז צו קענען צעברעכן דעם מענטש, נאך די עבירה קומט ער צום מענטש זאגענדיג: "קוק וואס דו האסט געטון, איך זאג דיר אז עס איז נישט פאר דיר, גיי נישט אין בית המדרש, טו נישט אן קיין תפילין!" ער לייגט אריין אין דעם מענטש'נס קאפ דעם ליגנט אז: "דיין תורה און תפלה גייט פאר די נישט גוטע!"... חס ושלום דאס צו זאגן, מען רעדט דאך נישט פון א מין ואפיקורס וואס וויל זיך אינגאנצן אפרייסן פונעם אייבערשטן חס ושלום, מען רעדט פון א איד וואס וויל זיין ערליך, וואס זאל איך טון אז איך בין אראפ געפאלן? וואס זאל איך טון אז איך האב אן התגברות היצר? זאל איך נישט גיין דאווענען? זאל

איך נישט עפענען א חומש? זאל איך נישט עפענען א גמרא?!

## שָׁם הָאֱלֹקִים

דאס לערנט אונז דער רבי אויס, ווער נישט דערשראקן ווען אלעס גייט גוט און פלוצלינג איז עפעס געשען, א נייע נעפל, פון די ווייב, פון די קינדער אדער פון פרנסה וכדומה, עס איז גאר שווערע נעפל, אבער 'שָׁם הָאֱלֹקִים', דער אייבערשטער איז דארט באהאלטן, דער אייבערשטער ווארט דו זאלסט עפענען דיין מויל און ארויסזאגן אפאר ווערטער צו אים.

## העלף מיר טאטע

דער רבי האט אונז אויסגעלערנט די זאך פון 'תפלה והתבודדות', אפילו ווען א מענטש פילט זיך אזוי ווייט, זאל ער רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפראך, זאג פאר'ן אייבערשטן: **"רבונו של עולם איך בין אליינס, איך ווייס נישט וואס צו טון, העלף מיר טאטע", וואס דו דארפסט בעט פונעם אייבערשטן: "רבונו של עולם איך וויל זיך שפירן גוט", "רבונו של עולם איך דארף פרנסה", "רבונו של עולם איך וויל האבן נחת", "רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל דאווענען, איך וויל לערנען".**

**וואו איך בין קען איך רעדן צום אייבערשטן**

עס קאסט דאך נישט קיין געלט, און עס איז אזא גרינגע זאך צו טון, וואו איך בין קען איך רעדן צום אייבערשטן, אז איך בין אינדערהיים רעד איך צום אייבערשטן, איך גיי אין גאס און איך רעד צום אייבערשטן, איך דרייוו רעד איך צום אייבערשטן אין קאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, רעדן אביסל צום אייבערשטן און נישט אוועק לויפן פון קיין נעפל געדענקנדיג

אז דער אייבערשטער איז באהאלטן אין די צרה, ווען מיר זוכה זיין צו זיין ערליכע אידן, אמן.